IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**די כאָלערע • Cholera: Part 2**

By Jonah Rosenfeld, translation by Rachel Mines

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (June 2023)

For the online version of this article:

[https://ingeveb.org/texts-and-translations/cholera-2]

# די כאָלערע

# Cholera, Part 2

Jonah Rosenfeld
translated by Rachel Mines

**Introduction:** This is the second installment from Jonah Rosenfeld's "Di Kholyere" ("Cholera"), which first appeared serially in the *Forverts*, beginning September 23, 1923. The story also appears as "Di Kholyere" in the one-volume *Geklibene Verk* (New York, 1955), which is the edition used in this translation. In this installment, as the cholera epidemic advances into the town, we see that certain segments of society – particularly women and the poor – suffer disproportionately, while members of the wealthier classes buy themselves out of danger. Social divisions are exposed: pious Jews against the less pious, older women against younger women, rich against poor.

# Cholera, Part 2

People couldn't help but notice that a good eighty percent of cholera victims were female, so some of the older pious women began to work in secret, scrutinizing their sisters for sins—particularly those tied to women's matters. The cabal began by tracking down women who weren't sufficiently scrupulous in the mikvah. Hudya Leah, the mikvah attendant, reported on every married woman, from the youngest, who'd just begun going to the mikvah, to those old enough to stop. When it turned out that all the women were correctly observing the laws of the mikvah, the conspirators set out to look for other, more severe, sins. Because, who knew? Maybe an adulteress ... ? No – the pious, God-fearing women were too timid to imagine that one of their own could do such a thing. But there had to be *some* reason the plague was afflicting the female sex. So the conspirators began to seek out less serious sins. The Living God can send down punishment for small as well as more egregious misdeeds, and surely someone had to be guilty of some trifle.

One of the cabal, Leah "Letochka" Pantofels, leapt into action. She knew if she looked hard enough, she'd find somebody somewhere who was sinning against God, His holy commandments, and His holy books. She began by inspecting her neighbors' sheitels. She looked so long and hard that she eventually found a young woman whose sheitel was the merest pretense: her neighbors assumed she was wearing a proper sheitel, but actually her own hair was showing. She combed her hair and blended it into the wig so skillfully that out-of-towners, unfamiliar with her habits, would think all the hair was her own. So Letochka dropped in on her clever young neighbor and took pains to convince her that wives, maidens, and little girls were dying because of her. At last the poor young woman broke down and let Leah shave her head right down to the skin, and she, Leta, Letochka, Leah Pantofels, strode victoriously through the marketplace, waving the bundle of hair and shouting for joy, as though she'd vanquished a great witch, robbing the sorceress not only of her hair, but of her demonic power as well. At the market, she told everyone that she'd stopped the plague in its tracks.

During this difficult time, most people did their part: some vowed to recite psalms after their usual prayers for the rest of their lives; some decided to fast on Mondays and Thursdays. Some went to the cemetery to wail and plead for God's help at their family graves; others opened the Holy Ark to beg for salvation. All these efforts – vowing, fasting, graveside laments, pleas before the Holy Ark – were made by the poor. Those who were better off tried to buy themselves out of danger through charity. When her only daughter fell ill, one rich woman had the entire length of the cemetery fence measured. She then bought the equivalent amount of linen and divided it among the poor. Thus she tore her only daughter out of the clutches of the Angel of Death. This rich woman began with small vows: she promised to donate a pound of candles to the synagogue, a cover for a Torah scroll, and a curtain for the Holy Ark. But she soon took things further until she'd finally driven the Angel of Death away from her daughter. Not everyone, however, could do as she'd done. Some poor people couldn't afford to donate even a single candle. Aside from crying and screaming, they were powerless to help their dying loved ones, so they carried a grudge against their wealthier neighbors who could

buy their way out of death's grasp. Anyone could see there were more illnesses and fatalities among the lower classes, and the poor knew it was the promises and charity of the rich that allowed them to evade destruction.

Those who were well off, however, had their own problems. Not only did they have to feed their poor neighbors, but they were consistently nagged to provide burial shrouds for those who had died. According to the rationale of the wealthy, poor people shouldn't bother burying their dead in shrouds – which, according to the cholera laws, they weren't supposed to do anyway – especially since they had nothing to make them with. After all, the wealthy reasoned, it was a greater humiliation for a dead person to be buried in a stranger's shroud than to have no shroud at all. So some of the town's upper crust made plans to leave – to escape the poor, who were growing in numbers each day, and the plague, which was also spreading rapidly and tightening its grip on the town.

The number of people saying kaddish was on the rise too: there were the elderly and middle-aged, young men, boys, children of three or four, and even children too young to speak. These tiny mourners stood on chairs like a row of baby goats to repeat after their fathers, word by word, the prayer for their dead mothers. When the older boys and adult mourners had finished saying kaddish, the little kids kept bleating into the silence, over and over, "Amen. May His great name be blessed forever…"

You could have heard a pin drop. The congregation listened in silence, reverently absorbing each word as though it bore the whole weight of a child's desolation and loneliness. People watched the little lips moving, remembering the young mothers who'd been alive just a short time ago. They ached with pity for the mothers who'd died so young, and for the little children, who were far too young to be motherless; and each listener, wishing only to help the souls of the dead women and their surviving children, repeated fervently, "Amen. May His great name be blessed."

# די כאָלערע

מ׳האָט זיך אומגעקוקט אויף דעם, וואָס אַכציק פּראָצענט פֿון די כאָלערע־קרבנות זײַנען געווען פֿון ווײַבלעכן מין, און עלטערע פֿרומע ווײַבער האָבן אָנגעהויבן נאָכצוזוכן צווישן ווײַבער ווײַבערשע זינד. צווישן זיך, בסוד־סודות, האָט מען אָנגעהויבן נאָכצופֿאָרשן און נאָכצושפּירן, ווער פֿון די ווײַבער ס׳היט נישט אָפּ, ווי ס׳געהער צו זײַן, די טבֿילה. הודיע־לאה, די בעדערקע און טוקערין, האָט אָפּגעגעבן די ווײַבער אַ באַריכט פֿון יעדער איינציקער ווײַבל און ייִדענע, פֿון גאָר דער ייִנגסטער, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן צו גיין, ביז דער עלטסטער, וואָס האָט זיך שוין געקליבן אויפֿהערן צו גיין... און אַז אַלץ האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן כּשר־וישר, האָט מען געזוכט אַנדערע חטאָים, האַרבערע. אפֿשר, ווער ווייסט? אפֿשר אַן אשת־איש?...ניין, די פֿרומע, גאָטספֿאָרכטיקע ווײַבער האָבן גאָר מורא געהאַט אַפֿילו צו טראַכטן וועגן אַזעלכעס אויף ייִדישע טעכטער. אָבער אומזיסט איז עס דאָך פֿאָרט נישט, וואָס דער גאַנצער צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דעם ווײַבלעכן מין. האָט מען אָנגעהויבן צו זוכן קלענערע זינד, ווײַל ס׳איז נישט קיין מוז, אַז ס׳זאָלן דווקא זײַן אַזעלכע שווערע חטאָים. גאָט דער לעבעדיקער קאָן דערצאָרנט ווערן פֿאַר קלענערע זינד אויך, און קלענערע זינד קאָנען דאָך יאָ זײַן.

לאה פּאַנטאָפֿעלס האָט זיך דערצו אַ נעם געטאָן. זי איז זיכער געווען, אַז ווען זי וועט זוכן, וועט זי עפּעס געפֿינען ערגעץ ווו איינע, וואָס טוט עפּעס קעגן גאָט און קעגן זײַן הייליקן געבאָט און קעגן די הייליקע ספֿרים. און זי האָט אָנגעהויבן מדקדק צו זײַן אין די פּאַרוקן אויף די ווײַבערשע קעפּ. זי האָט אַזוי לאַנג בודק געווען, ביז זי האָט בײַ איינער אַ יונגער ווײַבל אויסגעפֿונען, אַז איר פּאַרוקל איז נישט מער ווי אויף אָפּצונאַרן, מען זאָל נאָר מיינען, אַז זי טראָגט אַ פּאַרוקל, אין אמתן האָט זי אירע אייגענע האָר געטראָגן, האָט אירע אייגענע האָר צונויפֿגעקעמט און צונויפֿגעמישט מיט די פֿרעמדע אַזוי קונציק, אַז ווער ס׳האָט נישט געוווּסט, אַז זי טראָגט די אייגענע האָר, האָט געמיינט, אַז ס׳איז אַ פּאַרוק, און אַ מענטש פֿון אַ פֿרעמד שטעטל, וואָס האָט זי נישט געקענט און נישט געוווּסט, אַז זי טראָגט אַ פּאַרוק, האָט געקאָנט מיינען, אַז זי טראָגט אייגענע האָר. אָט צו דער בחורטע האָט זיך עס „לעטאָטשקע" צוגעכאַפּט, האָט אין איר אַזוי פֿיל אַרײַנגערעדט און אַרײַנגעמוסרט, אַז דאָס שטאַרבן ווײַבער, מיידלעך און קינדער איבער איר, אַז דאָס ווײַבעלע, נעבעך, האָט זיך געלאָזט אָפּשערן די האָר ביזן שאַרבן, טאַקע פֿון איר אַליין, פֿון לעטאָטשקען, און זי, לעטע, לעטאָטשקע, לאה פּאַנטאָפֿעלס, האָט זיך נצחונדיק מיטן זשמוט האָר איבערן מאַרק געטראָגן און געליאַרעמט, און געקוואָלן פֿון גרויס נחת, און איז געווען אַזוי גליקלעך, ווי זי וואָלט עפּעס אַ גרויסע מכשפֿה מנצח געווען, ווי זי וואָלט בײַ יענער, בײַ דער מכשפֿה, דעם גאַנצן כּוח־הטומאה מיט די האָר אַוועקגענומען, און זי האָט שוין אַלעמען פֿאַרזיכערט, אַז פֿון איצט אָן און ווײַטער וועט שוין קומען אַ סוף צו דער מגפֿה.

בכלל האָט יעדער איינער עפּעס געטאָן. ס׳האָט יעדערער געטאָן, וואָס אים איז אין קריטישן מאָמענט אײַנגעפֿאַלן: ווער ס׳האָט אויף זיך גענומען צו זאָגן אַלע זײַנע יאָרן נאָכן דאַוונען עטלעכע קאַפּיטלעך תּהילים, אַן אַנדערער האָט זיך אונטערגענומען צו פֿאַסטן מאָנטיק און דאָנערשטיק, נאָך אַן אַנדערער איז געלאָפֿן קבֿרים רײַסן און ווער ס׳איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אָרון־קודש. אָט די אַלע נדרים און תּהילים זאָגן, און די תּעניתים, דאָס לויפֿן אויף קבֿרים און דאָס פֿאַלן אין אָרון־קודש אַרײַן האָבן אויף זיך גענומען און געטאָן די אָרעמע. פֿאַרמעגלעכע און רײַכע האָבן זיך געפּרוּווט אויסקויפֿן מיט צדקה. איינע אַ גבֿירטע, וואָס בײַ איר איז אײַנגעפֿאַלן אַן איין־איינציקע טאָכטער, האָט געהייסן אויסמעסטן דעם בית־עולם־פּאַרקאַן אין זײַן גאַנצער לענג און ברייט, און אַזוי פֿיל, וויפֿל דער בית־עולם האָט געהאַלטן, האָט זי געהייסן לײַוונט אָפּמעסטן און עס צעטיילט צווישן אָרעמע־לײַט, און זי האָט טאַקע אַרויסגעריסן פֿון מלאך־המוותעס הענט די בת־יחידה אירע... זי, אָט די גבֿירטע, האָט לכתּחילה אָנגעהויבן פֿון קליינע נדרים, פֿון פֿונטן ליכט אין שול, פֿון אַ מענטעלע אויף אַ ספֿר־תּורה און פֿון אַ פּרוכת אויפֿן אָרון־קודש; אַזוי געטריבן אַלץ ווײַטער און ווײַטער, ביז זי האָט „אים" פֿון איר בת־יחידה פֿאַרטריבן. נישט אַלע האָבן, אָבער, אַזעלכע נדרים געקאָנט געבן. געווען אַזעלכע אָרעמע־לײַט, וואָס האָבן נישט פֿאַרמאָגט אַפֿילו אויף איין ליכט מנדר צו זײַן. זיי האָבן, אַחוץ וויינען און שרײַען, גאָרנישט געקאָנט טאָן פֿאַר דעם חולה־מסוכּן, און דערפֿאַר טאַקע האָבן די געמיינע לײַט געטראָגן פֿאַרביטערטע הערצער אַנטקעגן די פֿאַרמעגלעכע און גבֿירים, וואָס האָבן געהאַט ברייטע מעגלעכקייטן זיך אויסצוקויפֿן פֿון משחיתעס הענט. מ׳האָט טאַקע באַשײַנפּערלעך געזען, אַז די צאָל קראַנקע און טויטע איז צווישן די אָרעמע געווען פֿיל גרעסער, און די אָרעמע־לײַט זײַנען זיכער געווען, אַז אין זכות פֿון די נדרים און צדקה, וואָס יענע טיילן, ווערן זיי ניצול פֿון טויט.

די פֿאַרמעגלעכע און רײַכע איז, אָבער, אויך נישט געווען וואָס מקנא צו זײַן. נישט גענוג, וואָס זיי האָבן באַדאַרפֿט געבן די לעבעדיקע קבצנים אויף ברויט, האָט מען נאָך געריסן פֿון זיי פֿאַר די טויטע אויף תּכריכים. על־פּי גבֿירישן שׂכל האָבן די קבצנים געמעגט נישט אַזוי אײַנלייגן די וועלט דווקא צו באַגראָבן די מתים זייערע אין תּכריכים, וואָס מ׳האָט נאָך אַלע מגפֿה־געזעצן נישט געטאָרט; אין דער צײַט נאָך, ווען מ׳האָט עס אַליין נישט פֿאַרמאָגט און געדאַרפֿט אָנקומען נאָך קיצבֿה. ס׳איז, דאַכט זיך, אַ גרעסערער פּחיתת־הכּבֿוד פֿאַרן מת באַגראָבן צו ווערן אין פֿרעמדע תּכריכים, איידער אָן תּכריכים. ס׳האָבן אייניקע פֿון די גאָר פֿאַרמעגלעכע אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן מאַכן פּליטה פֿון שטעטל, אַנטלויפֿן פֿון די אָרעמע־לײַט, וואָס האָבן זיך געמערט פֿון טאָג צו טאָג, און איינצײַטיק געטראַכט צו אַנטלויפֿן פֿון דער מגפֿה, וועלכע האָט זיך פֿון טאָג צו טאָג געשטאַרקט און זיך אַלץ ברייטער, ברייטער איבערן שטעטל צעשפּרייט.

די צאָל קדישים איז געוואַקסן. ס׳האָבן געזאָגט קדיש עלטערע און אַלטע ייִדן, בחורים, ייִנגלעך און דרײַ־פֿיר־יאָריקע קינדער, וואָס האָבן נאָך אַפֿילו ריידן נישט געקאָנט. אַזוי ווי די בעקלעך זײַנען אָט די פּיצלעך קדישים געשטאַנען אויסגעשטעלט אויף די בענק און נאָכגעזאָגט וואָרט בײַ וואָרט, וואָס די טאַטעס האָבן מיט זיי נאָך די מאַמעס געזאָגט. און ווען די גרעסערע און גרויסע קדישים האָבן שוין געהאַט זייער קדיש אָפּגעזאָגט, האָבן נאָך לאַנג די פּיצלעך ייִנגלעך געמעקט:

„אָמן, יהא שמיה רבא מבֿרך!“

און ס׳איז געווען אַ שווײַגנדיקע שטילקייט אין שול. מ׳האָט שטיל געשוויגן און זיך אײַנגעהערט צו די ווערטער, וואָס זײַנען געקומען פֿון די קינדערשע מײַלער, און מיט שווערוואָגיקער פֿרומקייט נאָכגעטראַכט יעדעס וואָרט, ווי יעדעס וואָרט פֿאַר זיך וואָלט עפּעס דערציילט פֿון קינדערשן עלנט און איינזאַמקייט. מען האָט געקוקט די קינדער אין די מײַלער אַרײַן און ס׳האָבן געשוועבט אין די מוחות די יונגע, נישט לאַנג און נאָר וואָס פֿאַרשטאָרבענע מאַמעס. ס׳איז עפּעס געווען אַ געמיש פֿון טיף־פּײַנלעכן רחמנות סײַ צו די יונגע מאַמעס, וואָס האָבן אַזוי יונג דאָס לעבן פֿאַרלאָזט, און סײַ צו די פּיצלעך יתומים, וואָס זיי זײַנען אַזעלכע פּיצלעך יתומים געבליבן, און ס׳האָט יעדערער ווי געמיינט אַ טובֿה צו טאָן אי די פֿאַרשטאָרבענע, אי די איבערגעבליבענע יתומימלעך, און יעדער איינער האָט מיט האַרציקער פֿרומקייט אַ כאַפּ געטאָן זיך נאָכצוזאָגן:

„אָמן, יהא שמיה רבא!“